# מנחם באָריישאָ (Menahem Boraisha, געב' גאָלדבערג)
## אַ רעקאָמענדאַציע מיט אַ וואָרענונג!



**אַרייַנפֿיר:**

ער מאָלט אויף גאָר אַ ברייטער קאַנווע, נעמט די גאַנצע וואַנט! ער איז אומבאַגרענעצט. ער גייט אָן און אָן.
שרייַבט <u>פּאָעמעס</u>, נאַראַטיוון פֿון הונדערטער זייַטלעך.
די ווערטער פֿליסן מיט אימפּעט: דאַקטילישע און איאַמבישע (און אַמפֿיבראַכישע?), קורצע און לאַנגע שורות, סטראָפֿעס פֿון צוויי, דרייַ, פֿיר שורות, אָדער קיין סטראָפֿעס ניט, פֿערזן זיך גראַמענדיקע און פֿרייַע.
באָריישאָ געווען עפּעס "super-sized," אַ "rapper" וואָס האָט "free-styled" אָן אויפֿהער

דערפֿאַר האָט צוגעצויגן אַ סך קריטיק
ראָזשאַנסקי: עס האָט ניט געפֿעלט "**אַזעלכע וואָס צווייפֿלען אין זייַן טאַלענט**"
זאָגט נאָווערשטערן: "**הבעייתי והמעניין באחד**"
"פּראָבלעמאַטיש און אינטערעסאַנט אין איינעם" – וואָס קען זייַן בעסער!?

**ביאָגראַפֿיש:**



געב' יאַנ. 26, 1888, בריסק דליטא
טאַטע: נח גאָלדבערג, העברעיש לערער
ברודער: אַבֿרהם, געוואָרן רעדאַקטאָר פֿון "הייַנט," פֿאַרברענטער ציוניסט

מנחם געווען קרענקלעך, ניט אַרייַן אין חדר –שפּעטער אין רוסישער שטאָטשול





בריסק ניט געווען קיין "שטעטל" – באַפֿערלקערונג נאָענט צו 50,000 פֿאַר ע.וו.מ.
ווי ב' באַשרײַבט עס: **"ווו דער שמאָלער מוכאַוועץ דעם ברייטן בוג באַגעגנט / האָבן דרײַ מדינות זיך געטראָפֿן אין אַ סגל"** (ווײַס-רוסלאַנד, פּוילן, און "וואָלין")
אַ שייד-וועג צווישן לענדער, פֿעלקער, קולטורן, ווו חסידים, מתנגדים, משׂכּילים, און ציוניסטן האָבן זיך באַגעגענט (ווי די טײַכן).



געווען אַ מיטגליד פֿון פּועלי-ציון (צײַטווײַליק)
געשריבן אויף רוסיש און ייִדיש צו 14
קיין וואַרשע, זיך צוגעבונדן צו י. ל. פּרצן
"קדוש" 1907 אין צײַטשריפֿט דער וועג, רעדאַקטירט פֿון פּרצן

**זײַן אַנדערשקייט – די יאָרן פֿון "קלעפּ," "ביטול און חוזק"**
אין "מיט דעם דור," פֿאַרעפֿנטלעכט אין זאַמלבוך, אַ דור (1947), באַשרײַבט ער די יסורים פֿון פֿרייִקע יאָרן ווי אַ שרײַבער בפֿרט אַן אַרטיקל פֿון בעל-מחשבֿות (י. א. עליאַשעוו), "מנחם" אין ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿטן, 1907, וואָס האָט געהאַלטן אַז עס פֿעלט באָריישאָן אויס טאַלענט און ער איז אַפֿילו גײַסטיק קראַנק. זאָגט באָריישאָ:

**א'** "(בעל-מחשבֿותעס אַרטיקל איז געווען)...**אַ מוסטער פֿון ראַפֿינירטן ליטעראַרישן מאָרד...ער האָט (מיר) אָפּגעזאָגט דאָס לעבן: געהייסן גיין צוריק צו דער לאַטיינישער גראַמאַטיק"**

**ב'** און פּרץ אַליין? ער האָט געזאָגט (לויט ב'): **"דער מנחם וועט אָדער קריגן שטאַרקע פֿליגל און אַ פֿלי טאָן הויך, אָדער ס'וועט פֿון אים ווערן גאָרנישט."**

**ג'** באָריישאָ זאָגט: **"פּרץ האָט אין די אַכט יאָר פֿון מײַן אַרײַנקומען צו אים אין הויז געהאַט פֿון מיר – דאַכט זיך – מער צער ווי נחת...איך פֿלעג כּסדר קומען אַלץ מיט אַזעלכע זאַכן וואָס ער האָט נישט געקענט פֿאַרדײַען."**

**ד'** (ביאָגראַפֿיש אינטערעסאַנט איז אַז ב' זאָגט פֿונדעסטוועגן אַז פּרץ האָט אים באַוויזן **"אַ וואַרעמקייט וואָס מײַן אייגענער טאַטע האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן"**)

וועגן דעם מחלוקת שפּעטער – אָבער דערווײַל: געשריבן אַרטיקלען מיט הצלחה – בפֿרט וועגן טעאַטער

1909-1911: געדינט אין מיליטער

1914: "פּוילן" – אויסגעדרוקט אַ געמיש פֿון געפֿילן (פֿרעמדקייט, צוציונג, פֿאַראיבל)

פּרץ: מע קען ניט רעדן אַזוי צו אַ גאַנץ פֿאָלק!

מיט דער מלחמה קיין דער שווייץ, 1915 ניו-יאָרק

רעדאַקטירט מיט מ. ל. האַלפּערן "איסט בראָדוויי"

1916 אַ רינג אין דער קייט (זאַמלונג פֿון לידער – אָבער וואָס איז אַ "ליד" ביַי אים?)

1918 דער פֿרעמדער – אַ ביאָגראַפֿיע פֿון טעאָדאָר הערצלען (אין פּערזן, אַוודאי)

1920 זאַמד (איך האַלט איצט אין לייענען)

געוו' שעף פֿון דער פּרעסע-אָפּטיילונג פֿונעם "דזשוינט" (ביז 1929)

געשריבן אַ רובריק פֿאַר "Congress Weekly"

1923 **זאַוול רימער**

קאָמוניזם:

1926 נסיעה אין פּוילן און ראָטן-פֿאַרבאַנד

מיטגעאַרבעט אין "מאָרגן-פֿריַיהייט"

1926 דער גילגול (וועגן פּוילן נאָך אַ מאָל)

אַוועק פֿון קאָמוניזם נאָך דער שחיטה אין חבֿרון

מיטגעאַרבעט אויף "וואָך" און "ייִדיש"

אַקטיוו ווי אַ ייִדישיסט, געשריבן "די געשיכטע פֿון ייִדיש" (1946)



1933-1943 **דער גייער**

1947 אַ דור, אַ זאַמלונג פֿון זיַינע לידער

נפֿטר דעם 12טן פֿעב., 1949



ה' **"ס'איז געבליבן דער איַינדרוק אַז ער האָט זיַין ליד נאָך נישט דערזונגען"** (ראַזשאַנסקי)

ב' וועגן זיך: **"אפֿשר וועט פֿאַר אַן אַנדער דור**

ו' **מיַין עקשנותדיקער גאַנג צום נישט-דערגריַיכטן זיַין בולטער פֿון די בלאָנדזשעונישן, דורך וועלכע איך האָב זיך געפּלאָנטערט".** ("אין דעם דור," סוף דריטן טייל)

אַ מעשׂה וועגן זיַינס אַן אייניקל

אויף די מצבֿה אין באַרג כּרמל בית-עולם אין קווינס:

"דער מענטש הייסט אַ גייער און נישט קיין שטייער און דאַרף גיין פֿון מדרגה צו מדרגה" (ר' שניאור זלמן דער "בעל-התּניא,"דער עפּיגראַף פֿון דער גייער)

**שפּורן פֿון באָריישאָן:**
אַרײַן אין זלמן רייזנס "לעקסיקאָן" (ניט אין מלך ראַוויטשעס)
ניט אין <u>אין תּוך גענומען</u> (?)
אַ (קורצער) "אָביט" אין NYT
דערמאָנט אין "ייִדיש ליטעראַטור נאָך 1800" אויפֿן "ייִוואָ" וועבזײַטל
ניט קיין "Wikipedia" זײַטל
אַ זײַטל אין "ייִדפּאָרש" אויף "פֿייסבוק"
איין באַנד (מיט <u>זאַוול רימער</u> און <u>דער פֿרעמדער</u>) אין ראָזשאַנסקיס "מוסטערווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור" (1968)
זײַנע פּאַפּירן געפֿינען זיך בײַם צענטער פֿאַר ייִדישער געשיכטע
"Commentary" אַרטיקל (אין צוויי טיילן) 1958
“Cedars of Lebanon: ‘A Faith That is Whole’,” Jacob Sloan
(וויפֿל אַנדערע ייִדיש שרײַבערס זײַנען אַרײַן אין "קאָמענטערי" אין ענגלישער איבערזעצונג?)
אַ קאַפּיטל אין <u>כּאן גר העם היהודי</u> פֿון אַבֿרהם נאָווערשטערן 2015

**"פּראָבלעמאַטישע" אַספּעקטן:**
קלאָר אַז באָריישאָ האָט זיך געריסן צום כּלל און ניט צום פּרט, צו זײַן כּוללדיק און אויסשעפּיק. ער האָט געזוכט "**מע למעלה**," ליב געהאַט וואַלט וויטמאַנען, Jan Kasprowicz ("מיט דעם דור," ז' 293). און ווײַטער געזאָגט:

| | |
|---|---|
| טעקסט ט' | **"אָט דעם שפּאַן צום 'איך,' וואָס שטעלט זיך אַוועק אין צענטער פֿון דער יצירה, האָב איך נישט געקענט מאַכן. דער זיידע אין מיר פֿלעג אויפֿציטערן פֿון געדאַנק, אַז מענטשן קענען פֿון זיך אַליין מאַכן די איספּקלריא (גלאָז) דורך וועלכער זיי זאָלן קוקן אויף דער ערד און אויף די הימלען. פֿאַר דער נאַקעטקייט האָב איך זיך געשעמט און פֿון דער גאָצענטראַלישקייט האָט מיך אַלעמאָל אָפּגעשטויסן אַ פּײַנלעך דערווידער-געפֿיל."** |

דאָך זעט מען אַ מין "אַנטקערפּערונג" אין די פֿרייִקע ווערק, אַבסטראַקע מוסר-דרשות אין אַן "אַנטקערפּערט," מער-ווייניק אַלץ-ווויסנדיק קול, אַ מאָל שווער צו פֿאַרשטיין, "אומפֿאַרדײַלעך."

למשל אין "פּוילן" 1914, זאָגט דער פּאָעט אַז, ווי אָ "זון פֿון ליטא," האָט ער אַרויסגעקוקט אויף "אַ ברודערלעכע האַנט צו שפּירן" אין פּוילן, אָבער...

**טעקסט ז'**

איך האָב געוואוסט — עס הענגט אויך איבער דיינע הימלען
אַ וואָלקען-שווער: געפּיהלט, ווי צווישען ציגעל שטיקער
פון דיינע אַלטע חורבות שטילע שאָטענס ווימלען:
געזעהן — אַ פלאסטער שטויב, אַ פרעמדער און אַ דיקער.
בעדעקט די לעבעדיגע שפּורען פון דיין אַלטען רוהם
און גליווערט שטום דאָס אַלטע ליעד, ווי שטום
געוועזן פארצייטען איז אויך אונזער יאָמערן-געזאַנג
ביי די פערצאָגטע בוימער, ביי די וואַסערן פון בבל.
עס האָט געדאכט — איך בין אין שטוב געקומען צו אַן אבל
דער קבר פריש, דער מת אַוועק נישט לאַנג —
און כ׳האָב געפיהלט אַזוי, ווי דער, וואָס ד׳אלטע קלאָג
האָט איהם שוין טויב געמאַכט אין וועה-טהאָן טאָג אויף טאָג,
צום יונגען, אין זיין שמערץ נאָך נישט פערשטיקטען, ברודער
פיהלט.

דערצו: איבעררײַסנדיקע, קעגן-נאַראַטיווע עלעמענטן – האָט ב' געזאָגט, **"זײַטיקע פּאַסירונגען און לירישע רעאַקציע."**

פֿון <u>זאַמד</u> (אָבער דאָס געפֿעלט מיר):

**וועל איך פֿאַרזינקען אין תּענוג פֿון פּײַן,**
**ווער מיטן ווייטיק זיך קוויקן...**

**ווי שווער עס וואָלט געווען דעם אומגליק צו פֿאַרבײַטן**
**אויף זיסן גליק.**
**און ווי עס וואָלט פֿון רויִקייט געצויגן**
**צו פּײַן צוריק.**

**טעקסט ח'**

**מיט שטימען לאָקענדע און שכּורדיקע קלאַנגען**
**פֿאַרפֿירט די פּײַן,**
**און זיבן מאָל צו זיבנהונדערט פֿאַרבן**
**פֿאַרמאָגט איר שײַן.** ("לײַדן-גליק")

<u>זאַמד</u>: אַ בוך מיט אַ "נאַציאָנאַלער אידעע" (מ.ד.ד. 296) וועגן זיבן סודותדיקע יתומים, אָן אַ היים אין דער וועלט זינט דעם טויט פֿון טאַטן און פֿאַרשווונדן ווערן פֿון דער מאַמען. אַ באַאַרבעטונג פֿון "די זיבן בעטלערס?" די עלטסטע איז די "לאַוראַ" וועגן וועלכן ב' זאָגט: **"דו האָסט מיך צו מענטשלעכער ליבע געפֿירט / און באַקערט צו אַ**

**מענטשלעכן גאָט**.״ (לײַדן-גליק). אפֿשר איז דער סיפּור-המעשׂה פֿונעם בוך וועגן דעם ווײַב שׂרה און איר משפּחה-געשיכטע?

**ווענדט-פּונקט און צײַטיקייט:**

די צווייטע העלפֿט פֿון זאַמד ווערט **נאַראַטיוו** (איך האָב נאָך ניט געלייענט), מענטשן אָנשטאָט אַבסטראַקציעס, דיאַלאָג און ניט קיין מוסר-דרשות.
מיט זאַוול רימער און דער גייער בפֿרט געפֿינט ב' דעם וועג צום מענטשלעכן "איך," צו אײַנקערפּערונג און אײַנוואָרצלונג אין אַ דראַמאַטישן, אָנגעשפּאַנטן סיפּור-המעשׂה. ער אַנטפּלעקט די אייגענע (אויסערגעוויינטלעכע) קראַפֿט ווי אַ **דערציילער**.

**און דערצו אַ הויפּט-טעמע** אויך: "אַרויסגעשטויסנקייט," "אויסגעשלאָסנקייט" וואָס איז אַבסאָלוט, ניט גובֿר צו זײַן, אומפֿאַרבעסערלעך, אָן שום תּיקון אָדער סגולה

זאַוול רימער: אַ יונגערמאַן אַ רימער פֿאַרליבט זיך אין אַ רײַך מיידל אין סאַמע שפּיץ פֿון דער געזעלשאַפֿט אין שטאָט. כאָטש פֿון אַ שידוך איז אָפּגערעדט, און די באַציונג ווערט בײַ זאַוולען מער און מער אָנגעווייטיקט, מיט בושה פֿאָלגנדיק חרפּה, בלײַבט אַלץ פֿאַרגליווערט אויף אַן אָרט. די משפּחה קען זאַוולען ניט אָפּלאָזן, און ער זיי אויך ניט.

ביז צו פּאַטאָלגיע: ער ווערט אַזוי פֿאַררייצט מיט זײַן אייגן ווײַב אַז ער שלאָגט זי — ער כאַפּט זיך אָן אויף דער משפּחהס יינגערער טאָכטער, אַ קינד, ווי זײַן ליבע-אָביעקט.

פֿון אָנהייב אָן, זעט אויס אַ נאָענטקייט צווישן זאַוולען און דער משפּחה אומיגלעך:

טעקסטי

- **וואָס טוט איר מאָרגן אָוונט, זאַוול – גאָר נישט.**
- **וואָלט איר געוואָלט אַרײַנקומען צו אונדז?**
- **וואָס מיינט איר? – האָט אים זאַוול נישט פֿאַרשטאַנען.**
- **איך מיין, איז זאָלט אַרײַנקומען צו אונדז אין הויז.**
- **צו אײַך? – צו אונדז. – נאָך וואָס? – אָט גלאַט אַזוי.**
- **פֿאַרברענגען. זיך באַקאַנט מאַכן מיט אונדזערע.**
- **און עס וועלן זײַן נאָך יונגע לײַט און מיידלעך. גוט?**
- **איך ווייס ניט, האָט געשטאַמלט זאַוול – ניין.**
- **פֿאַרוואָס? און מישע האָט דערזען אַ שווער צוטומלעניש אויף זאַוולס פּנים און דערפֿילט אַז ער געטרויט אים נישט, אַז ערגעץ האָט דער מענטש דערשפּירט דעם שפּאַס מיט וועלכן ער, דער קלוגער, וויל עפּעס פֿאַרדעקן. (ז' 77)**

דערצו: אַ סצענע צווישן זאַוולען און בעקאַן וואָס איז זוכה צו זײַן אין אַ טעלענאָוועלע אָדער “trashy romance novel,” אָבער מער ניט קיין אַבסטראַקציעס! זי האָט אים ליב, זאָגט זי, "**אָט ווי אַ שוועסטער, ווי אַן אייגענע...**"

**טעקסט י"א**

ער גליטשט זיך פֿונעם קלאָץ אַרונטער אויף דער ערד
און מיטן קאָפּ אין קלאָץ אין בײדע פֿויסטן כליפּעט ער.
זי בייגט זיך איבער, גלעט און קרײַזלט זײַנע האָר,
און אָט אָ בלאָנדזשען זײַנע הענט, דערטאַפּן אירע,
ער טראָגט זיי צו די ליפּן, קושט זיי ציטערדיק אַזוי,
אַז קוים זי פֿילט זײַן אָטעם אויף איר הויט,
דאַן נעמט ער בעטן זיך דורך טרערן: — גייט־אַוועק,
איך בעט אײַך.... גייט אַהיים! — זי ענטפֿערט גישט,
נאָר לאָזט זיך אויף די קני אַרונטער נעבן אים,
נעמט־אָן זײַן פּנים, קושט אים לאַנג און שטיל,
דאַן טוליעט זי דעם שטומען קאָפּ צו זיך, צום ברוסט
און גלעט אים ציטערדיק, און אָטעמט אָפּגעריסן,
ווי אָט אָ ווײנט זי זיך פֿונאַנדער. און דאַן — נאָך אַ קוש,
אַן אײנציקן, אַן אָפּגעריסענעם — און הייבט זיך אויף,
און פֿאַרזיכטיק דעם קאָפּ צוריקגעלייגט און גייט.

<u>**דער גייער**</u> – אַ פּאָעמע פֿון 500 זײַטלעך, פּועל-יוצא פֿון איבער אַ יאָרצענדליק אַרבעט נאָך אַן אויסגעשלאָסענער, נאָך אַ יתום – מאַמע געשטאָרבן, געשיקט געוואָרן פֿונעם טאַטן אין אַ ישיבֿה, בלײַבט דער העלד נח עלנט, אָן באַשטיצונג, אָן משפּחהדיקע אָדער פּערזענלעכע פֿאַרבינדונגען. ער וואַלגערט זיך, זוכנדיק פּרנסה. ער "גייט." (ווי זעצט מען איבער "דער גייער" – “itinerant,” “wayfarer,” “pilgrim,” “wanderer”?

נח ווערט: מלמד, אַ חתן און טאַטע, דער פֿירער פֿון אַ חבֿרה רוסישע האָלץ-העקערס (וואָס הרגעט אים כּמעט), אַ פֿעלד-וועכטער, אַ פּלעט פֿאַרקויפֿער, אַ שטײַער-מאָנער, אַ געפֿאַנגענער, אַ פּליט אין אַ חבֿרה עולים אַנטלויפֿנדיק פֿון די פּוילישע פּאָגראָמען אין 1881.

אמת, איז <u>דער גייער</u> אָנגעפּיקעוועט מיט כּל-מיני איבעררײַסנדיקע אלעמענטן: "זײַטיקע פּאַסירונגען און לירישע רעאַקציע" ממש! וואַלד-חיות רעדן אַרום די צווייִקייט פֿון

"השגחה פּרטית" און גוטס און שלעכטס, דער "בעל-התּניא" און דער ווילנער גאון (שוין אין יענער וועלט) בײַטן אויס טענות אײנער צום אַנדערן, רבי מאיר רעדט מיט אלישע בן אַבֿוהן, עמוס הנבֿיא מיטן כּהן גדול און זײַנע משרתים. עס באַווײַזט זיך אויך: שלמה המלך (אויך אין יענער וועלט), יהודה הלוי, משה מענדלסאָן

נחס "גאַנג" איז אויך אַן אינערלעכער, גײַסטיקער, אינטעלעקטועלער, אין וועלכן ספֿרים ווערן הויפּט-פֿיגורן: מורה נבֿוכים, חובֿות הלבֿבֿות, אור השם (ר' חסדאי קרעסקאַס), הכּוזרי, די קליאַטשע, די מעשׂיות פֿון רבי נחמן רבעסלעווער, Daniel Deronda, און נאָך. ב' באַשרײַבט דעם ייִדישן "קאָפּ-מענטש" – דער וואָס "הקרנט" וועגן דער וועלט, ניט קיין תּלמיד-חכם און ניט קיין משׂכּיל. און די באַשרײַבונג איז ניט פֿון אויבן אַן – יחיד-במינו אין ייִדיש און אַ מחיה זיי וואָס זײַנען אָדער זײַנען אַ מאָל געווען אַעלכע.

למשל: נאָך אַן אַמפּערניש מיטן רײַכן בעל-הבית, זוכט נח טרייסט...אין מורה-נבֿוכים:

טעקסט י"ב

פון אַלמער דעם „מורה" אַרויסגעזוכט. ראיות בּיעגדיקע
פון פאַר'שכל'טער שטרענגער אמונה האַבן ווידער געטריבן
די צעלעכצטע מחשבה פון באַנעם, פון באַהעפּט:
שלאָג דיין יעדע השגה פון בורא מיט ניין און ניין,
וועסטו נעענטער באַגרייפן זיין עצם; גיב נאָך די השגות —
און דו וועסט זיך אַלץ ווייטער פאַרשטויסן פון אים.
ס'האָט געבלענדט פון די בלעטער, נאָר דער מוח, צעפּלאַטערט
האָט די בלענדיקייט נישט פאַרטראָגן. דעם ספר פאַרמאַכט.

דער פּועל-יוצא פֿון אַזעלכע מעדיטאַציעס? זיי ברענגען אים צו אַ מין גלײַכוואָג און ייִשובֿ-הדעת, וואָס צו איר קערט נח זיך אום עטלעכע מאָל אינעם בוך.

טעקסט י"ג

בין געקומען בויען זיך אַ היים צווישן די היימען
פון די אָרעמע, די מענטשן פון מיין שטאַנד.
ווער־זשע שטרעקט מיר אויס די ערשטע האַנט?
נישט קיין אָרעמאַן, מיינס גלייכן, נאָר אַ גביר.
און אַנטקעגן וועמען שטעלט ער מיך? אַנטקעגן דיר,
גביר פון גבירים, שרה מעכטיקער, בן מימון!

---

מיר איז ערד און הימל פול מיט סוד און שטוינונג,
ווייט פאַרבלענדט מיט בלאָקייט, הויך מיט צופיל שטערן.

פֿאַר זיי וואָס האָבן אַן אינטערעס אין איבערזעצערײַ, האָב איך אַזוי געמאַכט:

He took “The Guide to the Perplexed” down from the shelf.
Blinding proofs of strict faith made intelligent
once more sped toward the longed-for goal of insight and coherence.
Crush each idea of the Creator with “no” and “no,”
and you come closest to His Essence.  Give in to concepts,
and you drive yourself away from Him.
The words were brilliant, but Noyekh’s flustered mind
couldn’t bear the brightness.   He closed the book

    I came to build a home among the poor,
    with people like me, with my own kind,
    and who of all men first extends a hand?
    Not my equal, not a beggar, but a wealthy man!
    And in front of whom does he set me down?  You, then!
    The wealthiest of all, mighty prince, the son of Maimon!

I am astonished by the world and mystified,
blinded by the blue, dazzled by the starry skies.

נאָך אַ משל: גייט נח זוכן אַרבעט ווי אַ מלמד בײַם בריסקער רבֿ יהשוע לייב (!).  מער ווי אַ תּורה שיעור, איז דער "פֿאַרהער" אַ שטיק פּאָליטישער טעאַטער ווו אַלע ווײַזן וואָס זיי קענען.  ווער האָט "די דעה," דעם "אויבן אָן?" נח איז ווי אַלע מאָל צולהכעיסדיק.

נח קען ניט פֿאָלגן דאָס בלאַט גמרא וואָס דער רבֿ גיט אים. ער וויל נאָר תּורה לערנען און קען זאָגן פֿולע נבֿיאישע טעקסטן פֿון אויסנווייניק. דער רבי פּרוּווט אים ווײַטער אויס.

פלוצלונג אָפּגעהאַקט: — טאָ זאָג־זשע מיר ווי בינדסטו
אָט די פסוקים פון ישעיה, אַז דער בורא וויל נישט
קיין קרבנות, מיט דער סדרה „צו״? . . . האָט די צונג
אַזאַ ברי געטאָן, ס׳האָט פאַרוואָלט זיך אַ געשריי טאָן:
— בינד איך טאַקע נישט! גערעכט איז בלויז דער נביא!
קיינער דאַרף נישט די קרבנות ווי׳ מע דאַרף נישט
אייער פלאָנטער מיט דער טומאָה — קיינער דאַרף נישט! . . .
נאָר געזאָגט האָט נח: — וואָס דער נביא מיינט איז יענע,
וועלכע קויפן אויס די בייזע מעשים מיט קרבנות . . .
ס׳האָט געגאָלטן. ר׳ יהושע לייב האָט אָנגעשפּיזט די אויגן
און אַרויסגעלאָזט אַ היתר: — חומש מעגסטו לערנען.

**טעקסט י"ד**

נאָך דעם צונויפֿשטויס, קומט צו אַ ייִד וואָס איז בײַגעוועז און גיט אַן עצה:

**...נישט גוט געווען.**<br>
**קומט אַרײַן צו מיר אַ מאָל אין קצבֿישן בית-מידרש...**<br>
**וועלן מיר די סוגיא דורכגיין. קומט. למען-השם.**

**אויספֿירן:** וווּהין גייט אַזאַ גייער? שטײַגט ער אַרויף? זינקט ער אַראָפּ? נח בלײַבט אַלע מאָל אויסגעשלאָסן: אַפּיקורס בײַ די פֿרומע (כאָטש ער פֿאַרלאָזט ניט די "ד' אַמות"), פֿרומאַק בײַ די משׂכּילים, חב"דניק בײַ די מתנגדים, ליטוואַק בײַ די חסידים. דער עפּיגראַף זאָגט אַז מע גייט "פֿון מדרגה צו מדריגה," אָבער נאָווערשטערן זאָגט: *הספר שולל כל נסיון להקנית לחיים כיווניות כלשהי*."**דער ספֿר לאָזט ניט אַז מע זאָל באַשטימען קיין שום "ריכטונג" אין לעבן**." דער "גאַנג" איז אין-סופֿיק.

בשעת ער דינט ווי אַ וועכטער אין אַ פֿעלד-כאַטע, חקרנט זיך נח אַזוי:

טעקסט ט"ו

**עס לערנט די נאַכט**<br>
**איר אייגענע משנה אַזוי צו זאָגן...**<br>
**קריכט עס אײַן אויפֿן האַרצן**<br>
**און פֿאַרזאָגט עס אויף דורי-דורות:**<br>
**נישט אָפּקילן זאָל אײַער צאָרן**<br>
**אויף יענע וואָס מאַכן פֿון בלוט אַ סחורה,**<br>
**נאָר משפּט נישט קיינעם**<br>
**וואָס שטרויכלט אין גאַנג צום אייביקן שורש.**<br>
**ברידער זײַט איר – אין ברידערשאַפֿט זאָלט איר גיין.**<br>
(<u>דער גייער</u>, "בײַם טײַך," חלק 5)

די אַבסאָלוטע אויסגעשלאָסנקייט ברענגט די אייגענע ריינע מאָראַל פֿון מענטשלעכער ברידערשאַפֿט. (צי איז דאָס אַ מוסר-השׂכּל אינעם בוך?) און בײַם סוף פֿון די פֿינעף הונדערט זײַטלעך זאָגט נח אָפּ פֿון עולה זײַן מיט די ווערטער:

**טעקסט ט"ז**

אין אָוונט האָט נח גערעדט צו די יונגע חברים:<br>
—ס'איז גוט וואָס איר זענט זאַמד אין די אויגן<br>
פֿון אַלע וואָס האָבן מאַכט.<br>
ס'איז גוט וואָס דער מינדסטער אַנדייט אויף נס, אויף משיח,<br>
האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון אייך.<br>
ס'איז גוט וואָס איר וועט זיך דאַרפֿן ברעכן<br>
דורך נעצן פֿון שטאָל און אײַזן.<br>
ס'איז גוט. דאָס איז גאַנג.